# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

תרומה-זכור
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## דאס הויז פון דאנק

### חלק א: דאס הויז

#### שנייד אדורך די חיצוניות

**ווען** מיר ליינען די מורא'דיגע רייד וואס דער באשעפער האט גערעדט צו משה רבינו, וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ - די אידן זאלן מאכן פאר מיר א הייליג פלאץ, וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם - און איך זאל רוען דערין (תרומה כה:ח), פארשטייען מיר אז אזא וואונדערליכער ענין - מאכן א הויז געאייגנט פאר דעם באשעפער! - דארף מען גוט אדורכלערנען.

דער אלטער פון קעלם, הגאון רבי שמחה זיסל ז"ל האט זיך אויסגעדריקט, אז ביים לערנען תורה איז וויכטיג להפשיט את הצורה - צו אראפנעמען דאס דרויסנדיגע בילד, דער חצוניות'דיגער טייל פון די מצוות און דורכלערנען די פנימיות; די נקודה וואס דער באשעפער וויל פון אונז. אלזא, ווען עס קומט צו אזא געהויבענע מצוה, צו בויען דעם הייליגן בית המקדש, איז זיכער וויכטיג צו דורכשניידן ביז צו די הארץ דערפון - אפשיילן דעם צודעק און אנטדעקן די פנימיות דערפון.

#### א זמר פון דאנק

**דוד** המלך האט געשריבן א זמר צו זינגען ביי די חנוכת בית המקדש. דער קאפיטל איז אונז זייער באקאנט - מען זאגט דאס יעדן טאג ביים דאווענען: מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד - א געזאנג פאר די באנייאונג פון דעם באשעפער'ס הויז, פון דוד (תהלים ל:א). מיר פארשטייען אז אויב דוד המלך האט מחבר געווען א געזאנג ספעציעל פאר די געוואלדיגע צייט פון דער חנוכת הבית פונעם הייליגן בית המקדש, איז ווערד צו אפלערנען זיינע ווערטער, צו קענען אביסעלע פארשטיין די געהויבנקייט פון דעם בית המקדש.

סיי וואס דער זמר טוט ענטהאלטן; דאנק צום באשעפער וואס ער מאכט רוען זיין שכינה צווישן אונז אדער א הבטחה צום באשעפער אז מיר וועלן אים דינען געטריי אינעם בית המקדש מיט די הייליגע עבודה -טוט דער שיר זיכער ווארפן א ליכט אויף דער ענין פון דעם בית המקדש.

אבער למעשה ווען מיר קוקן אריין אין דעם מזמור זעט אויס ווי עס איז דארט פאראן א טעות, ווייל אויסער דעם טיטל ווערט דארט קיין איין ווארט נישט דערמאנט איבער דעם בית המקדש. מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד - א געזאנג פאר די באנייאונג פון דעם באשעפער'ס הויז, פון דוד - און דאס איז עס; מער ווערט גארנישט דערמאנט.

איז דאס נישט אינטערעסאנט? עס איז דא אזויפיל וואס צו זאגן איבער דעם בית המקדש! די קדושה, די שכינה, די כהנים, די געלעגנהייט פאר אזויפיל מצוות און עבודת השם. אזא גרויסער טייל פון

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

אונזער געשיכטע און אזויפיל פון אונזער השקפת התורה איז פארבונדן מיט דעם בית המקדש, און דא ווערט אפילו איין ווארט נישט דערמאנט פון אט דאס אלעס אין דעם גאנצן זמר. די עבודת הקרבנות איז געווען דאס הארץ פון דאס אידישע פאלק פאר אזויפיל יארן און מיר האבן מסכתות און מסכתות אנגעפילט מיט אלע הלכות און ענינים ארום דעם - זבחים, מנחות, בכורות און נאך מסכתות - און דא ווערט אין דעם גאנצן זמר גארנישט דערמאנט! אפילו איין פסוק האט דוד המלך נישט געפילט פאר וויכטיג צו רעדן איבער דעם?!

## דערהייב דעם כבוד פון באשעפער

**כדי** צו ענטפערן די שאלה, מוזן מיר צוריקגיין צו דעם יסוד וואס הגאון רבי שמחה זיסל פון קעלם האט אונז געלערנט. מיר קענען זיך פארשטעלן אז דוד המלך האט טאקע מפשיט געווען די צורה פון דעם מקדש - ער האט אראפגענומען דעם דרויסנדיגן שלייער אונז צו לערנען די פנימיות וואס דאס איז דער הייליגער בית המקדש.

אֲרוֹמִמְךָ ה׳ - "איך וועל דיר דערהייבן, באשעפער," הייבט דוד המלך אן. מיט די ערשטע ווערטער לערנט אונז דוד המלך זייער א גרויסער חידוש; ער טוט גלייך אפשיילן די דרויסנדיגע שאלעכץ און זאגט אונז עפעס וואס מיר וואלטן מן הסתם נישט אליין פארשטאנען - אז דער בית המקדש איז געאייגנט געווארן צו דעם תפקיד פון דאנקען דעם באשעפער.

דער תכלית פון דעם בית המקדש איז געווען עס זאל זיין אן ארט וואו צו דערהייבן דעם כבוד פון באשעפער. אֲרוֹמִמְךָ איז א לשון פון דערהייבן הויך.

און אז מיר ליינען ווייטער דעם גאנצן שיר, זעען מיר א לאנגע קייט פון דאנק און לויב צום באשעפער. "דו ווילסט וויסן פארוואס איך טו דאס אלעס?" זינגט דוד המלך, "דו ווילסט וויסן פארוואס איך האב גענומען די מי צו איינזאמלען אלע מאטריאל וואס דערמיט דארף מען בויען דעם בית המקדש? איך האב דאס געטון מיט איין ציל! צו דאנקען דעם באשעפער!" דאס איז דער צוועק פון דעם בית המקדש: בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה - "קום אריין אין זיינע טויערן מיט דאנק און אין זיינע הויפן מיט לויב," האט דוד המלך געזאגט, "דאס איז דער ציל פון דעם בית המקדש - עס איז א מקום דיר צו דערהייבן הויך דורך דאנקען."

## דאס הויז פון דאנק

**סיי** וואס דאס אידישע פאלק וועט טון אינעם בית המקדש, וועט דאס זיין אן אויסדריק פון דאנק צום באשעפער. מיר וועלן ברענגען קרבנות, אנצינדן די מנורה און לייגן לחם הפנים אויף דעם שלחן - אלעס וואס מיר וועלן טון - וועט דאס זיין אֲרוֹמִמְךָ ה׳ - "איך וועל דיר דערהייבן, באשעפער," האט דוד המלך געזאגט. און עס איז דא אזויפיל אויף וואס צו דאנקען, אז איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן - דוד המלך גיסט אויס זיין הארץ מיט דאנק צום באשעפער דורכאויס דעם גאנצן קאפיטל ביז די לעצטע ווערטער: ה׳ אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ - באשעפער, איך וועל דיר דאנקען אויף אייביג.

ווען מ'שרייבט א שטר, דארף מען זיין חוזר בשיטה אחרונה -צוזאמנעמען די אינהאלט פונעם שטר ביי די לעצטע שורה, ווי עס גייט דער אויסדריק: "וואס איז די אונטערשטע שורה?" און וואס איז די אונטערשטע שורה אין דעם מזמור? דוד המלך ענדיגט צו מיט דעם אז זיין לויב וועט אנהאלטן אויף שטענדיג!

ווען מיר טראכטן אריין, זעט עס אויס אינטערעסאנט. מיר וואלטן פארשטאנען אז עס זענען דא פיל אנדערע טעמים צו דער אויפבוי פון דעם בית המקדש. פאר ווענען פון אונז וואלט איינגעפאלן אז דעם באשעפער'ס הייליג הויז איז אייגנטליך א הויז פון דאנק! מיר לערנען דא אינגאנצן א נייער צוגאנג צו דעם בית המקדש, א נייע ערקלערונג צו איר באדייט.

אט וועלן מיר אבער אנהייבן צו פארשטיין אז נישט נאר וואס דער ענין פון דעם בית המקדש איז כדי צו דאנקען דעם באשעפער, נאר אויך אלעס וואס ליגט דערין טוען אויסדריקן אומענדליכע דאנק צום באשעפער.

## חלק ב: דער טיש

### עס איז אלעמאל דא ברויט אויפ'ן טיש

**יעדער** ווייסט אז אין דער משכן און שפעטער אינעם בית המקדש, האבן מיר געהאט דעם שולחן, דער גאלדענער טיש. וְעָשִׂיתָ שֻׁלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים... - איר זאלט מאכן א טיש פון פינזן האלץ, וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר... - און איר זאלט עס איבערדעקן מיט גאלד (כה:כג,כד). אויף דעם גאלדענעם טיש איז ארויפגעשטעלט געווארן די לחם הפנים, צוועלף ברויט, וואס איז דארט פארבליבן א גאנצע וואך.

עס שטייט, לֶחֶם פָּנִים לְפָנַי תָּמִיד - און איר זאלט לייגן אויף דעם טיש די לחם הפנים, פאר מיר שטענדיג (כה:ל). דערנאך, ווען די כהנים זענען געקומען שבת צו אראפנעמען די ברויט, האבן זיי געדארפט זיין געווארנט צו מקיים זיין דעם באפעל פון 'תמיד' - דער שולחן האט נישט געטארט שטיין ליידיג אפילו איין מינוט! דערפאר, אין די זעלבע צייט וואס געוויסע כהנים האבן אראפגענומען די פריערדיגע ברויט, האבן אנדערע כהנים ארויפגעשטעלט די פרישע ברויט אויפ'ן טיש.

וואס איז דער באדייט דערפון? עס איז דאך נישט קיין בעקעריי; עס איז א בית המקדש! וועל איך זיך אנטשולדיגן אז כאטש דער רמב"ם שרייבט אז ער פארשטייט נישט דעם טעם פונעם שולחן און לחם הפנים, ער זאגט אז ער האט נישט קיין הסבר אויף דעם, קומט זיך דא א 'נישטיגער' וואס וויל דאס אביסל ערקלערן און אויסשמועסן...

### עס איז אן עסן וועלט

**אינעם** ספר אמונות ודעות (ט:ו), שרייבט רבינו סעדיה גאון א ווארט וואס דערלייכט אונז אביסל איבער דער גאנג פון די וועלט דא אונטן. ער זאגט דארט אז די וועלט איז א וועלט וואס איז באשאפן געווארן פאר עסן - ער רעדט נישט פון דעם אז עס איז געמאכט געווארן צוליב עולם הבא אדער פאר דאס אידישע פאלק - נאר אז עס באשאפן געווארן אינגאנצן פאר דעם צוועק צו צושטעלן עסן. דאס איז א נקודה וואס מענטשן לייגן געווענליך נישט קיין אויפמערקזאמקייט דערצו, אבער רבי סעדיה גאון מאכט אונז באוואוסטזיניג דערוועגן - אז די גאנצע וועלט איז אויסגעשטעלט אויף אן אופן צו זיין מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד. די וועלט ארבעט תמיד, א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, פאר דעם צוועק צו פראדוצירן עסן.

די גאנצע ערד קוגל מיט איר פולן אינהאלט, ארבעט געטריי צום ציל פון ערצייגן און אונטערשטיצן לעבן דורך דעם וואונדערליכן סיסטעם וואס שטעלט צו די עסן באדערפענישן פאר אלע באשעפענישן. די ערד, ווינטן, די זון, די רעגן, די ספערן און טויזנטער אנדערע באשטאנדטיילן קאאפערירן אינאיינעם מיט די מעכטיגע אויפגאבע צו ארויסגעבן עסן פאר אלע לעבעדיגע. די וועלט ארבעט תמיד דיר צו צושטעלן דיין פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל - און אלע איבערבייסן אינצווישן.

### ווייץ פעלדער און דעליווערי טראקס

**אויב** דו מאכסט אויף דיינע אויגן, אז דו עפנסט דיין קאפ, וועסטו דאס זען א גאנצן טאג. אפילו א מענטש וואס וואוינט אין שטאט, וואס האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געזען א קו אדער א ווייץ פעלד - קען ער אבער זען פון וואס רבי סעדיה גאון רעדט איבער אלעס וואס טוט זיך ארום אים. א גאנצן טאג פארן

לאנגע טראקס אויף די גאסן אהין און צוריק, ברענגענדיג אלע סארטן שפייז צו די געשעפטן. געוויסע פון זיי זענען אנגעפילט מיט פרוכט און גרינצייג, אנדערע מיט מילך און קעז, פלייש און אייער און דערנאך זענען דא אלע סארטן ברויט און געבעקסן. און דאס איז תמיד - פון גאנץ אינדערפרי, נאך איידער איר טראכטן פון אויפשטיין, פארן שוין די טראקס אויף די שאסייען אנלאדענענדיג און אפלאדענענדיג קאסטענעס מיט עסן. עס טוט זיך דא עפעס! די גאנצע בריאה, די גאנצע מעשה בראשית ארבעט תמיד - און צוליב וואס? צו ברענגען פאר דיר עסן! און מיר מאכן ניצן דערפון - די גאנצע וועלט עסט! דו גייסט אויפ'ן גאס און דו זעסט דארט הונדערטער מענטשן - דאס איז א באוויז, א 100% אומצווייפלהאפטיגער באוויז, אז יעדער עסט.

און דאס אלעס איז ניסי ניסים. יעדער ווייסט וואס די גמרא זאגט: קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף - די שפייז פון א מענטש איז אזוי שווער ווי דאס שפאלטונג פון ים (פסחים קיח.). וואס באדייט דאס? צו ברענגען פרנסה קען זיין שווער, אבער כמעט יעדער טוט דאס. דאגעגן, קיינער פון אונז קען נישט שפאלטן דעם ים סוף. אבער וואס די גמרא זאגט, איז אז דער ענין פון עסן אויף די וועלט איז איינע פון די גרעסטע באווייזן פון דעם באשעפער'ס גרויסקייט - יעדעס שטיקל ברויט איז אזא גרויסער נס ווי קריעת ים סוף.

## קריעת ים סוף אין עס צימער

**חז"ל** זאגן אז ביים ים סוף זענען געווען 250 מכות; דאס מיינט, עס האבן פאסירט כאטש 250 אפענע ניסים בשעת דער באשעפער האט געשפאלטן דעם ים סוף. אזוי אויך, ווען דו עסט דיין שפייז, דארפסטו אנערקענען אז יעדער ביסן ענטהאלט כאטש 250 ניסים. דער אמת איז אז עס ליגט דערין פיל מער ווי חמישים ומאתים ניסים; עס פאסירן דערמיט אלף אלפי ניסים! מורא'דיג! דאס זענען ניסים פיל טיפער ווי אונזערע השגות. עס פאדערט זיך מיליאנען דעטאלן וואס דארפן קאאפערירן אינאיינעם צו ערצייגן ברויט; מיליאנען זאכן ווארטן, יעדער אין זיין רייע, צו העלפן מאכן ברויט.

האסטו אמאל אריינגעטראכט אין אזא וואונדערליכע מציאות אז רויע מאטריאל - לופט, וואסער און געוויסע קעמיקאלן פון די ערד - מישן זיך אויס מיט אביסל זון שיין און ווערט טראנספארמירט אלס פארטיגע פראדוקטן וואס קענען דערהאלטן ביים לעבן? דאס איז נישט עפעס וואס מיר דארפן זיך פארשטעלן אין דמיון, מיר זעען דאך פאר אונזערע אויגן ווי דער באשעפער באווייזט די דאזיגע אויסטערלישע וואונדער - תמיד!

פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן - דו עפנסט דיין האנט באשעפער און דו זעטיגסט אלע לעבעדיגע. ווי אזוי טוט דאס דער באשעפער? דורך איינשפאנען די זון צו אויסדאמפן די וואסער פון די טייכן, צו פארמירן וואלקענעס, און דערנאך, דורך ארומריקן די וואסער-אנגעפילטע וואלקענעס מיט'ן ווינט, צעפלאצן זיך די וואלקענעס, אראפלאזנדיג א רעגן איבער די פעלדער. - עס איז ווי א גרויסער קאנוועיער בעלט וואס פירט וואסער פונעם טייך צו די פעלדער. דער באשעפער שפייזט אונז תמיד דורך האלטן די לופט אין א נאכאנאנדע באוועגונג, ברענגענדיג אן ענדלאזע צושטעלונג פון קוילן-שטאף פאר די געוויקסן דורך די ניסים פון 'פאטאסינטהעסיס'.

די וואונדערליכע ערשיינונג ווי אזוי עס ווערן צוגעשטעלט אומצאליגע סארטן עסנווארג צו אומצאליגע סארטן באשעפענישן, די שטוינענדע פראצעדור פון איבערארבעטונג פון מיסט און טויטע געוויקסן און חיות צו באנייען די נאכאנאנדע זאפאס פון שפייז, פאדערט פון אונז די גרעסטע אויסדריקן פון אנערקענונג און דאנק!

## דער טיש זינגט "א דאנק"

**אלזא**, ווען מיר ווילן אויסדריקן אונזער דאנק צום באשעפער פאר די וועלט וואס ארבעט די גאנצע צייט צו

צושטעלן פאר אונז עסן, לייגן מיר אויפ'ן שולחן לֶחֶם פָּנִים לְפָנַי תָּמִיד - לעבלעך ברויט וואס זאלן בלייבן דארט א גאנצע וואך (שמות כה:ל). דער באשעפער געבט אונז ברויט און אלע אונזערע שפייזן יעדן טאג, תמיד, אן די מינדעסטע אפשטעל, און דערפאר דריקן מיר אויס אונזער דאנק צו אים דורך די צוועלף לעבלעך ברויט וואס מיר האלטן אויפ'ן טיש תמיד.

אט דאס איז דער שולחן געווען! אין דער בנין וואס איז געווען דעם באשעפער'ס הויז, אין די הייליגסטע ארט אין די וועלט, שטעלן מיר אויף א טיש און מיר פילן עס אן מיט ברויט אלס א מִזְמוֹר לְתוֹדָה פאר דעם געוואלדיגן נס פון לחם. מיר זאגן צום באשעפער, "אֲרוֹמִמְךָ ה' - מיר דערהייבן דיך, באשעפער, ווייל דו געבסט אונז אונזער טעגליכע ברויט."

אלזא, וואס עס איז געווען אינעם בית המקדש איז נאר געווען א רמז און א משל אויף וואס מיר דארפן טון, ווי אזוי מיר דארפן טראכטן. דערפאר, ווען מיר רעדן פון דעם שולחן, דארפן מיר געדענקען אז די לחם הפנים איז געווען אן אויסדריק פון די געפילן וואס מיר זענען מחויב צו אויסדריקן יעדן טאג, תמיד. ווען מיר געדענקען די לחם הפנים וואס זענען ארויפגעשטעלט געווארן אויפ'ן שולחן, דארפן מיר וויסן אז דאס איז אונז מחייב צו געדענקען אלעמאל די לחם אויף אונזער טיש - וואס מיינט אז מיר זאלן **קיינמאל** נישט פארגעסן ווי גרויס אונזער דאנק דארף זיין פאר אונזער טעגליכע ברויט.

## ווארף זיך נישט ארום מיט קיין ניסים

**און** דערפאר, ווען דו זיצט ביים טיש און איינער זאגט, "קענסט מיר געבן יענע שטיקל ברויט?" זאלסטו דאס נישט ווארפן צו אים. אין זורקין את הפת - מען טאר נישט ווארפן קיין ברויט (ברכות נ:). דרך ארץ! מען געבט איבער א שטיקל ברויט פאר א צווייטן מיט די גרעסטע כבוד. מיר דארפן זיך פירן איידל מיט די ברויט! "איך געב דיר יעצט איבער דעם באשעפער'ס נס." צי וואלטסטו געווארפן די לחם הפנים?! צי וואלטסטו געווארפן, צום ביישפיל, דעם אורים ותומים?! אויב דער כהן גדול וואלט געזאגט, "געב מיר דעם אורים ותומים," וואלטסטו דאס געווארפן? דו וואלטסט עס אויפגעהויבן מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ, מיט די גרעסטע הכנעה און יראת שמים וואלטסטו דאס אים איבערגעגעבן.

אבער הינטער די שטיקל ברויט ליגט פיל מער ניסים ווי ביים אורים ותומים - פיל, פיל מער! דער אורים ותומים איז טאקע געווען א זעלטענער נס, אבער ברויט איז גארנישט ווייניגער וואונדערליך. עס איז נאר אז מיר זענען צוגעוואוינט דערצו. דאן זאגט דער באשעפער, "צי איז דאס מיין שולדך? איך געב דיר ברויט יעדן טאג, דערפאר זאלסטו נישט ווערן איבערגענומען דערפון? צי וואלט דען בעסער געווען אויב איך געב דיר עס נאר איינמאל אין צען יאר?"

ווען דו זעסט א שטיקל ברויט אויף דיין טיש, דארפסטו זיך טרענירן צו ווערן איבערגענומען דערפון - גארנישט ווייניגער ווי דו וואלטסט פרייליך געווארן אויב דו וואלטסט געטראפן דעם אורים ותומים אויף דיין טיש. זאג מיט דיין מויל, "דו באשעפער, ביזט דער זָן אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - דו שפייזט די גאנצע וועלט און אצינד שפייזטו מיר, בְּחֵן וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים - מיט לייטזעליגקייט, מיט גענאד און מיט רחמנות." פארלאז זיך נישט אויף די ברכה וואס דו גייסט באלד זאגן, ווארט נישט ביזן בענטשן - זאג עס יעצט אין דיין אייגענע שפראך! ווייל נאך אלעם, וואס איז די סיבה פון די אלע ניסים? וואס איז דער צוועק פון די ברויט אויף דיין טיש? עס האט דעם זעלבן ציל ווי די ברויט וואס איז געלעגן אויף דעם שולחן אין בית המקדש - דאס איז אלעס בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל - צוליב זיין גרויסן נאמען! ווי אזוי דארפן מיר רעאגירן ביים עסן א שטיקל ברויט? מיר דארפן רעדן פון זיין גרויסן נאמען! דאס איז געווען דער ציל פון די לחם הפנים אויפ'ן שולחן - און דאס איז דער ציל פון די לחם אויף אייער טיש אויך!

# חלק ג: דער באלייכטער

## אויפדעקן די ליכטיגקייט

**אלזא**, איינמאל מיר הייבן זיך אן צו טרענירן צו ניצן דעם כלל פון להפשיט את הצורה, פון אדורכשניידן די חיצוניות כדי צו פארשטיין די פנימיות פונעם בית המקדש, זאלן מיר זיך נאכנישט אפשטעלן. וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת זָהָב טָהוֹר - "מאך א מנורה פון ריין גאלד" (שמות כה:לא). די פנימיות פון די מנורה - די ליכט וואס האט געברענט תמיד אין בית המקדש - איז זייער א ברייטע הערליכע נושא וואס לערנט אזויפיל וויכטיגע לערעס, מיר וועלן זיך באציען צו בלויז עטליכע דערפון.

די ערשטע זאך וואס די מנורה דערמאנט אונז איז די געוואלדיגע מתנה פון ליכטיגקייט.

יעדן אינדערפרי דאנקען מיר דעם באשעפער מיט די ברכה פון יוצר אור - דאס איז די לענגסטע ברכה וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן אריינגעשטעלט אין סידור - איז ווי קען מען בכלל איגנארירן די אינהאלט דערפון? און לאזט אייך נישט נארן ווען איינער וויל אייך זאגן אז דא רעדט מען פון דעם אור הגנוז, איבער עפעס א באהאלטענע ליכטיגקייט, אדער אפשר די ליכט פון משיח. ניין, דאס רעדט פון אונזער ליכטיגקייט, די ליכטיגקייט וואס מיר זעען יעדן טאג, וואס איז אונז מחייב צו דאנקען דעם באשעפער.

צום באדויערן זענען מיר אבער נישט דערביי ווען מיר זאגן די געוואלדיגע ווערטער פון די ברכה. אונזערע מחשבות וואנדערן אדורך די מדבריות אין אפריקע אדער אפשר אין ארץ ישראל, און דערנאך קומען מיר צוריק פון אונזערע חלומות פונקט צו קריאת שמע. גוט, זייער גוט - קריאת שמע איז זייער וויכטיג - אבער דאס מיינט אז מיר האבן פארפאסט צו דאנקען דעם באשעפער אויף די מתנה פון ליכטיגקייט.

## וואס אלע געניסן

**אלזא**, איך ווייס אז מערסטנס מענטשן וועלן נישט באאיינפלוסט ווערן פון אזא סארט שפראך. אויב איך וועל זיי זאגן עפעס וואס איז נוגע זיי פערזענליך, עפעס פונקט פאר זיי, דאן יא, וועלן זיי אפשר הנאה האבן. אבער צו זיין פריילעך מיט עפעס וואס יעדער איינער האט?

לאמיר זאגן דער באשעפער וואלט דיר געגעבן א מיליאן דאלער - אבער דערנאך וואלט ער געגעבן נאך א מיליאן אויך צו דעם און צו יענעם, דאן וועסטו אינגאנצן נישט זיין דאנקבאר. דער פאקט אז יעדער האט ליכטיגקייט בא׳גנב׳ט מענטשן פון די גאנצע אינטערעסע אין די נושא. אויב דו קענסט מאכן די גאנצע וועלט טונקל פאר יעדן און נאר דו אליין זאלסט האבן די זון - אה, יא, דאס וואלט שוין געווען עפעס ספעציעל. אבער דאס אז יעדער זאל אויך האבן ליכטיגקייט? דאס פארמינערט פון מענטשן צו שפירן די פארגעניגן דערפון. און דערפאר זאגט דער חובת הלבבות, מען דארף זיך לערנען צו דאנקען דעם באשעפער פאר די 'קליינע טובות', פאר די גוטס פון וואס אלע געניסן, וואס דער באשעפער געבט פאר יעדן. זיכער דארפסטו אים דאנקען! נאר צוליב דעם וואס יעדער באקומט עס, מאכט עס דאס גארנישט וויניגער חשוב און וויכטיג ביי דיר.

## די קלוגע מלאכים זענען פריייליך

**דאס** איז נישט נאר א חיוב וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן ארויפגעלייגט אויף אונז, נאר זיי האבן אויך אריינגעברענגט די מלאכים אין די ברכה. פארוואס האבן זיי אריינגעשטעלט די מלאכים אין סידור? וואס דארפן מיר פון זיי דארט? דער ענטפער איז: צו דינען אלס ביישפיל פאר אונז. מלאכים זענען זייער קלוג כֻּלָּם אֲהוּבִים כֻּלָּם בְּרוּרִים כֻּלָּם גִּבּוֹרִים - יעדע אות פון די א-ב ווערט גענוצט צו באשרייבן די גרויסקייט פון

די מלאכים. און דאך, ווערן די דאזיגע מלאכי עליון אזוי איבערגענומען ווען זיי זעען ליכטיגקייט! ליכטיגקייט! דאס איז וואס מאכט זיי פרייליך! זיי רופן אויס ברעש גדול! נישט אזוי ווי מיר זאגן עס, מורמלענדיג שטיל די ווערטער; ניין, זיי ווערן אזוי פרייליך אז זיי גייען אריין אין אן עקסטאז - זיי הייבן אן צו שפרינגען מיט שמחה און הכרת הטוב ווען זיי זעען די ליכטיגקייט! מְבָרְכִים וּמְשַׁבְּחִים וּמְפָאֲרִים - מיר בענטשן דיר, באשעפער, און לויבן דיר און באשיינען דיר. און אויף וואס? עַל מְאוֹרֵי אוֹר שֶׁיָּצַרְתָּ הֵמָּה יְפָאֲרוּךָ סֶּלָה - פאר די ליכטיגקייט וואס דו האסט באשאפן! צוליב דעם לויבן דיר די מלאכים אויף אייביג - זיי ווערן משוגע פון פרייד צוליב די זון שיין!

אודאי ווערן זיי משוגע! די זון איז א שיינענדער באל פון ווארעמונג ענערגיע כח שיקט ארויס אירע שטראלן מיט אן איוסטערלישן כח - ביליאנען טאנען פון ענערגיע כח פליסט אראפ צו די ערד. ליכטיגקייט איז וואונדער - עס איז א נס, א וואונדערליכע מציאות. ביז צום היינטיגן טאג ווייסט קיינער נישט פונקטליך פון וואס ליכטיגקייט באשטייט. צי איז דאס א געגנשטאנד אדער א כח? עס זענען דא גרויסע מחלוקת אין די וויסנשאפטליכע ביכער - וואס איז ליכטיגקייט? עס איז נאך אלץ א מיסטעריע. עס איז א סארט ענערגיע, אבער ווי אזוי טוט זיך די ענערגיע ארומריקן? און נישט נאר וואס עס ריקט זיך ארום - עס גייט מיט אן איוסטערלישע שנעלקייט. די ליכטיגקייט רייסט זיך פאראויס אין א פלינקקייט פון 186,000 מייל אין א סעקונדע - פון די זון אויבן ביז צו די ערד! מיר שטייען דא אונטן און די זון שיינט אויף אונז, בשעת די ליכטיגקייט וואס געפינט זיך יעצט ביי אונז איז אכט מינוט צוריק געווען אויף די זון - 93 מיליאן מייל ווייט!

## די גרויסע מנורה אין הימל

**און** די זון וואלט די וועלט געווען א שטיק אייז. קיין זאך וואלט זיך נישט געריקט אויף די ערד - אלעס וואלט געווען טויט, ווייל די ענערגיע כח קומט פון די זון. און אט די מערקווירדיגע ליכט בירנע שיינט שוין א לאנגע צייט, איבער 5,000 יאר, און געבט ארויס ענערגיע כח אין אן איוסטערלישן מאס, אן צו נאכלאזן אביסל. וויסנשאפטלער וועלכע מעסטן די ענערגיע פון די זון, זענען אז עס האט זיך גארנישט געטווישט מיט די יארן. אזוי לאנג ווי עס איז דער רצון ה׳, וועט עס ווייטער ארויסגעבן ענדלאזע אוצרות פון ענערגיע כח.

עס וועט מעגליך אמאל קומען א טאג ווען עס וועט מער נישט באנוצט ווערן קיין אראבישע נעפט, עס וועלן ווערן אינסטאלירט סעטעלייטס אין די ספערן צו אריינציען זון שיין פון די זון און מאכן דערפון ענערגיע, ווייל בלויז א פיצעלע טייל פון די זון׳ס ענערגיע ווערט גענוצט דורך די ערד - די איבריגע גייט אריין אין די ספערן און ווערט פארלוירן. אבער איין טאג וועט מער פון די זון שיין ווערן אריבערגעפירט צו די ערד און די עקזיסטענץ פון די מענטשהייט וועט ווייטער אנגיין דורך דעם כח פון די זון ענערגיע.

דערפאר איז אונזער אויפגאבע צו זיין אויפמערקזאם צו די מנורה וואס ברענט שטענדיג. אור! א ליכט ברענט! די מנורה אין בית המקדש איז געווען אן איוסדריק פון דאנק, וואס דערמאנט אונז צו דאנקען דעם באשעפער פאר די זון שיין וואס ברענט תמיד - אפילו ביינאכט טוט עס איר ארבעט אין אן אנדער וועלטס טייל - און דער פאקט אז מיר זענען צוגעוואוינט דערצו און מיר רעאגירן נישט אויפגעהייטערט דערוועגן, איז קיינעם׳ס שולד נאר אונזער אייגנס. די ליכטיגקייט איז דער גרעסטער עדות צו איר באשעפער. מיר דארפן ווערן איבערראשט פון די ליכטיגקייט. מָתוֹק הָאוֹר - ווי זיס איז די ליכטיגקייט, וְטוֹב לְעֵינַיִם לִרְאוֹת אֶת הַשָּׁמֶשׁ - עס איז גוט צו די אויגן צו זען די זון (קהלת יא:ז). אבער אויב דו טראכסט קיינמאל נישט דערפון, פארפאסטו איינע פון די גרעסטע שמחות אין לעבן - צו זיין פרייליך מיט זון שיין, מיט דער טאג שיין. און דערפאר דארפן מיר נעמען די מנורה אלס א ביישפיל פאר אונז און זאגן, "אהה! בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם יוֹצֵר הַמְּאוֹרוֹת."

## טראכטן אינעם גאנג פון באשעפער

**עס** איז דא אסאך מער צו זאגן איבער ליכטיגקייט - פונקט ווי די מלאכים זענען תָּמִיד מְסַפְּרִים כְּבוֹד קֵ-ל, קענען מיר דאס אויך טון. אבער מיר ווען אצינד ווייטער גיין צו א צווייטע נקודה וואס די מנורה קומט אונז דערמאנען: כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר. יעדער קען דעם פסוק - וואס איז די אמת'ע ליכטיגקייט פון די וועלט, די ליכט וואס באלייכט אונזער וועג אויף די וועלט? די תורת ה'. אוֹר לִנְתִיבָתִי - די תורה באלייכט אונזער וועג. וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ - "באלייכט אונזערע אויגן אין דיין תורה," דאס איז וואס מיר בעטן פון באשעפער, ווייל אן די מחשבות פון די תורה, גייען מיר אין פינסטערניש.

אצינד דארפן מיר ערקלערן אן ענין. עס איז נישט בלויז אז די תורה געבט אונז מצוות און מיר פארדינען זכותים און באקומען עולם הבא דורכדעם. עס איז פיל מער דערפון. די תורה איז אינגאנצן די מחשבות פון כביכול הקדוש ברוך הוא. און דאס מיינט אז עס ברענט א נצחיות'דיגע ליכטיגקייט אויף די וועלט, א נר תמיד וואס לערנט אונז ווי אזוי צו טראכטן - א ליכטיגקייט וואס דערהייבט אונזערע געדאנקען צו טראכטן אינעם גאנג פון, כביכול, דער באשעפער!

צו טראכטן אינעם גאנג פון באשעפער! דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע דערגרייכונגען אין לעבן ווייל ווען דער באשעפער האט געזאגט אויפ'ן בארג סיני, אָנֹכִי הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ - איך בין דער באשעפער, האט ער געמיינט - צווישן אנדערע זאכן - די מצוה פון הוי דומה לו - "דו זאלסט זיין גלייך צו מיר!"

אזא באפעל, צו זיין ווי דער באשעפער, זעט אויס זייער שווער צו פארשטיין, ווייל מיר קענען נישט מיט אונזער קערפער זיך פארגלייכן צו דעם באשעפער. אלזא, אין וואספארא אופן זאלן מיר זיין ווי אים? דער ענטפער איז: אין מח! מיט אונזערע געדאנקען איז דאס מעגליך, כאטש א קליין ביסל, צו זיין דומה לו, צו זיין ענליך צו אים, כביכול.

## לערנען ווי אזוי צו טראכטן

**"וואס** זאל מיין מיינונג זיין איבער דאס און יענץ?" "פון וואס זאל איך טראכטן?" דאס זענען שאלות וואס יעדער דארף זיך אליין פרעגן, ווייל אונזערע מחשבות איז דאס וואס מיר זענען באמת - דיין צוקומפט בעולם הבא ווענדט זיך אין דעם געדאנקען גאנג וואס דו אנטוויקלסט אויף די וועלט. און די ענטפער איז: אנכי ה' אלקיך - "נעם מיר אלס א ביישפיל," זאגט דער באשעפער, "און לערן זיך צו טראכטן אויף דעם גאנג וואס איך טראכט." קוק אריין אין די תורה, אין די גמרא, אין די ספרים הקדושים, און דו וועסט זען די מחשבות כביכול פון הקדוש ברוך הוא. אפילו די הלכות פון א בור ברשות הרבים אדער פון נזק, דאס זענען אלעס מחשבות פון דעם באשעפער. דורך לערנען תורה, טראכטן מיר אויף דעם גאנג פון דעם באשעפער. אודאי, כִּי גָבְהוּ... וּמַחְשְׁבֹתַי מִמַּחְשְׁבֹתֵיכֶם (ישעיהו נה:ט) - דער אופן ווי אזוי דער באשעפער טראכט איז העכער עד אין סוף, פון דער אופן ווי אזוי מיר טראכטן; דער באשעפער טראכט בשמי מרום, און מיר טראכטן פיל, פיל נידריגער. אבער ווען מיר אנטוויקלען תורה'דיגע אינטערעסן און תורה'דיגע השקפות, טוען כאטש אונזערע מחשבות גיין אינעם זעלבן ריכטונג ווי די מחשבות פון כביכול, דער באשעפער.

די ליכטיגקייט פון די מנורה איז געווען אונזער אויסדריק פון דאנק צו הקדוש ברוך הוא אויף דעם וואס ער האט אונז געגעבן די ליכטיגקייט פון די וועלט - א געלעגנהייט צו באלייכטן אונזער מח מיט מחשבות פון באשעפער. און דערפאר איז די ליכט פון די מנורה אויך געווען לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד - עס האט שטענדיג געדארפט לייכטן (ויקרא כד:ב); ווייל מיר דארפן האבן א שטענדיגע דערמאנונג אז פאר אזא מתנה ווי די מעגליכקייט צו קענען טראכטן אויף דעם גאנג פון דער באשעפער, דארפן מיר אלעמאל אויסדריקן אונזער דאנק צום באשעפער.

אלזא, ווען מיר ליינען אין די תורה פון די מנורה אין בית המקדש, דארפן מיר דאס פארשטיין אלס אן אויסדריק פון הכרת הטוב, פון דאנק צום באשעפער. און דער בעסטער אופן ווי אזוי מיר קענען אויסדריקן אונזער דאנקבארקייט פאר די מתנה פון די הייליגע תורה, איז שטענדיג צו זיין פארנומען צו טראכטן די מחשבות פון דעם באשעפער - ווי ווייט דו קענסט, טראכט זיינע מחשבות. נישט נאר אין בית המדרש - אויפ׳ן גאס אויך! מיר ווילן זיך קיינמאל נישט אפשטעלן; וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה. ווען דו האסט צייט, לערן תורה - ווייל דאס איז דער באלייכטער פונעם מח, און מיר דארפן טון אלעס וואס מעגליך אז די ליכט פון די תורה זאל שיינען און לייכטן פאר אונז בייטאג און ביינאכט, שטענדיג, אין יעדן דור.

## חלק ד: די נשמה

### די מתנה פון לעבן

**נאך** א געוואלדיגער מוסר השכל לערנען מיר פון די מנורה וואס האט שטענדיג געלויכטן אין דעם בית המקדש. נֵר הַשֵּׁם נִשְׁמַת אָדָם - דאס לעבן פון א מענטש אויף די וועלט איז די ליכט פון באשעפער (משלי כ:כז). דער פסוק זאגט אונז דא אז דאס לעבן פון א איד ווערט גערופן די ליכט פון באשעפער און דער נר תמיד, דאס ברענענדיגע ליכט פון די מנורה, איז א צייכן פון לעבן וואס דערמאנט אונז צו זיין דאנקבאר פאר יעדע רגע פון לעבן.

אין לאמזשע האט דער משגיח אמאל באגעגנט א ישיבה בחור מיט א זויערן פנים. איז ער צוגעגאנגען צו אים, ארויפגעלייגט זיין האנט אויף זיין פלייצע און געזאגט, ״מזל טוב! מזל טוב! דו ביסט א באגליקטער מענטש! יעדער דארף דיר מקנא זיין!״ אזוי האט ער גערעדט ווייטער און ווייטער - ״מזל טוב! דו ביסט א באגליקטער מענטש!״ דער בחור האט געווארט צו הערן וואס עס איז די גרויסע נייעס וואס דער משגיח וויל אים דא אנטפלעקן - ׳וואס איז דער גרויסער מזל טוב?!׳ ענדליך, נאך פיל מזל טוב וואונטשן האט דער משגיח געזאגט, ״מזל טוב - דו לעבסט!״

פראביר דאס די קומענדיגע מאל וואס דו באגעגנסט איינעם וואס זיין מוט איז אראפגעלאזט - דערצייל אים די גוטע נייעס אז ער האט באקומען א מתנה פון לעבן!

עס איז א גרויסער שאד אז מענטשן שעצן נישט אזעלכע נייעס, און נאכמער איז שאד אז מיר שעצן דאס נישט. מיר דארפן זאגן ״מזל טוב״ צו זיך אליין. ווען קיינער זעט נישט, זאג עס צו זיך: ״מזל טוב! דו ביסט אזוי גליקליך אז דו לעבסט.״

דו ווייסט אז עס וועט קומען א צייט ווען דו וועסט מער נישט לעבן. דו מאכסט פלענער ווי גלייך דו וועסט נאך זיין דא פאר די קומענדיגע צען טויזנט יאר, אבער פריער אדער שפעטער וועט זיך אלעס ענדיגן - דערפאר לוינט זיך דיר צו הנאה האבן פון יעדע רגע פון דיין לעבן יעצט. מיר וועלן אמאל צוריקקוקן און חרטה האבן פארוואס מיר האבן נישט הנאה געהאט פונעם לעבן. ווען א מענטש כאפט זיך - ער דערנענטערט זיך צו זיינע לעצטע מינוטן - קוקט ער צוריק און טראכט, ״פארוואס בין איך געווען אזוי נאריש? מיין קאפ איז געווען פארנומען מיט אזויפיל איבערפלעכליכע זאכן, אזויפיל פארשידנארטיגע זארגן און נארישע געדאנקען. דער בלויזער פאקט אז איך קען שפאצירן אויפ׳ן גאס און זען די ליכטיגקייט פון טאג - זאל עס זיין פארוואלקנט, ווינטיג, זוניג - סיי וועלכער סארט טאג, איז אזוי געשמאק...״

עס איז נישטא אזא זאך ווי אן אומבא׳טעמ׳טער טאג. יעדן טאג דארפן מיר זיין דאנקבאר צום באשעפער. אלע מתים, אויב זיי וואלטן געקענט צוריקקומען אויף פינף מינוט אויף די וועלט - אפילו בלויז צוויי מינוט, איין מינוט - וואלטן זיי מוותר געווען אויף א גרויסן טייל פון זייערע פארגעניגנס פון יענע וועלט, כדי דאס

צו דערגרייכן. יָפָה שָׁעָה אַחַת שֶׁל תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה מִכָּל חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. ווי טייער איז דאס לעבן! צום סוף, ווען עס איז שוין צו שפעט, דאן ווייסן דאס אלע!

## דאס לעבן איז זיס

**האב** הנאה דערפון! - זיי פריילך דערמיט יעצט. לאז נישט א מינוט פארבייגיין! יעדע מינוט וואס דו אטעמסט און דיין הארץ קלאפט, דיין מח ארבעט, האב הנאה פון די זיסקייט פון לעבן. עס איז אזוי געשמאק צו זיין לעבעדיג! עס איז נישטא קיין הנאה אין די וועלט וואס קען זיך פארגלייכן צו די הנאה פון פשוט לעבן! ווייל ווען א מענטש באקומט א געלעגנהייט צו אויסוועלן גרויסע הנאות, אינטערעסאנטע פארגעניגנס, אבער עס וועט אים קאסטן דאס לעבן קורץ דערנאך, וועט קיינער נישט זיין אזוי נאריש צו מקריב זיין זיין לעבן דערפאר (אויסער טאקע באמת נארישע מענטשן). ווייל עס איז נישטא נאך אזא הנאה ווי צו זיין לעבעדיג! אלזא, איז נישט א שאד אז מענטשן פארברענגען זייערע טעג אן קיין אויפמערקזאמקייט צו אט די הנאה? איז דען נישט א שאד צו שעצן די מתנה נאר ווען דו האלטסט עס שוין ביים פארלירן? אבער דאס איז די נארישקייט, די לייכטזיניגקייט פון די מענטשהייט.

אויסער אויב דו ביסט גרייט צו אינוועסטירן אביסל צייט און קאפ, וועסטו קיינמאל נישט הנאה האבן פונעם לעבן. אבער איינמאל דו וועסט אנהייבן צו טראכטן די סארט מחשבות, וועט זיך דיר עס גוט אויסצאלן. אויב דו לערנסט זיך ווי אזוי צו הנאה האבן פונעם לעבן - און הנאה האבן פונעם לעבן מיינט נישט ארומלויפן אויף לוסט רייזעס, ניין! הנאה האבן פונעם לעבן מיינט, "אהה! ברוך ה', איך לעב!" - און דאן וועסטו שטענדיג זיין א פרייליכער מענטש.

פראקטיציר דאס! ווען דו עפנסט דיינע אויגן אינדערפרי, די ערשטע זאך וואס זאל איבערנעמען דיינע געפילן זאל זיין אן איבערפלוס פון דאנקבארקייט. "איך לעב!" דו ווייסט דאך, נישט יעדער וועקט זיך אויף אינדערפרי, און דערפאר דארף זיך א מענטש לערנען צו זיין דאנקבאר אז ער איז פון די גליקליכע וועלכע האבן זיך אויפגעוועקט לעבעדיג! בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת לִפְגָרִים מֵתִים - ער געבט צוריק לעבן פאר די טויטע קערפערס אינדערפרי. מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ - דאס זאגט מען די ערשטע זאך אינדערפרי!

## רעד נישט צו א נער

**וואס** איך זאג אייך יעצט איז אלעס סודות; דו זאלסט דאס נישט דערציילן פאר יעדן ווייל מען וועט לאכן פון דיר. מערסטנס מענטשן אין די וועלט זענען נאריש ווען עס קומט צו די זאכן ווייל זיי ווייסן נאר פון חצוניות. זיי האבן נישט געלערנט דער לימוד וואס הגאון רבי שמחה זיסל פון קעלם האט אונז געלערנט, אז מיר דארפן אפטון דעם דרויסנדיגן שלייער פון די מצוות צו פארשטיין די פנימיות וואס דער באשעפער וויל פון אונז.

שלמה המלך זאגט, בְּאָזְנֵי כְסִיל אַל תְּדַבֵּר - זאלסט נישט רעדן די זאכן אין די אויערן פון א נאר, כִּי יָבוּז לְשֵׂכֶל מִלֶּיךָ - ווייל זיי וועלן צעניישט מאכן דיינע ווערטער. דאס מיינט, אז דו וועסט זאגן פאר איינעם, "זיי פריילך אז דו לעבסט," און ער וועט קוקן אויף דיר מיט זיין בלעכענעם פנים, וועסטו גלייך ווערן אפגעקילט. ער האט אפילו נישט וואס צו זאגן - זיין פנים אליין קילט דיר אפ. אבער דא רעד איך צו קלוגע מענטשן, איר וועט מיר אודאי נישט אפקילן.

## רעד צו דיר אליין

**אלזא**, ווען דו זיצט ביי זיך אינדערהיים, ווען קיינער הערט נישט, רעד צו דיר אליין איבער שמחה אין לעבן, פון די גאנצע הנאה וואס מיר האבן ווען מיר גייען אין גאס אינדערפרי אויפ'ן וועג צום בית המדרש, מיר

אטעמען טיף אריין בשעת מיר באטראכטן די בלויע הימל און קלערן אריין, "ווי גוט איז צו לעבן." ווען דו גייסט אין גאס, ווען דו קויפסט איין - וואו אומער דו ביסט, קענסטו זיך אפשטעלן א מינוט און טראכטן אז די מנורה פון לעבן ברענט, דער נר ה' נשמת אדם פלאקערט אין דיר - דו לעבסט נאך! אה, חסדי ה'! יעדע מינוט איז אזוי טייער, מער ווי כל חיי עולם הבא!

און דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס מען האט אנגעצונדן די מנורה אין בית המקדש יעדן טאג - אונז צו לערנען דער גרויסער מוסר השכל אז מיר דארפן אלעמאל שפירן דאנקבארקייט פאר די מתנה פון לעבן, פאר די נשמה וואס פלאקערט אין אונז - פונקט ווי די ליכט פון די מנורה האט תמיד געברענט, אזוי זאל אלעמאל ברענען אין אונזער הארץ א פייערדיגע הכרת הטוב צום באשעפער אויף אונזער לעבן.

אצינד קומען מיר צוריק צו די הארץ פונעם בית המקדש: "קום אריין אין זיינע טויערן מיט דאנק און אין זיינע הויפן מיט לויב, דאנק אים און בענטש זיין נאמען, ווייל דער באשעפער איז גוט און זיין גענאד איז אויף אייביג" (תהלים ק:ד-ה). דער וואונדערליכער ענין אז דער באשעפער פון די וועלט, וואס זיין כבוד פילט אן די ענדלאזע הויכקייטן פון די ספערן, ער זאל אויסוועלן צו וואוינען אין א הויז צווישן אונז, איז געווען אן אויסערגעווענליכע געלעגנהייט צו אויסדריקן דאנק צום באשעפער. דאס איז דער עיקר תכלית פון דעם בית המקדש - עס זאל זיין א נצחיות'דיגע דערמאנונג צו די אומגעהויערע וויכטיגקייט פון דאנקבארקייט צום באשעפער. און דאס מיינט אז מיר דארפן דאס אפלערנען אויך אויף אונזער לעבן, לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ, צו זינגען דעם באשעפער'ס לויב אויף אייביג.

## א לעבן אנגעפילט מיט שמחה

**טייערע** פריינט, נעמט נישט אן די רייד אז איר ווערט דא אראפגעבונדן צו א לעבן פול מיט פליכטן - פארקערט, דערמיט פארבינד איך אייך צו א לעבן פון שמחה! ווייל דורך די לערעס אויף דאנקבארקייט וועט איר לעבן א לעבן פון שמחה - א פאקט! איר וועט זיך פרייען מיט יעדן ריר פון אייער קערפער און יעדע פונקציע פון אייער מח. איר וועט זיין פרייליך מיט אייער שפייז, סיי וואס עס זאל זיין. איר וועט זיך פרייען מיט'ן זון שיין. איר וועט זיך פרייען בכלליות מיט אייער לעבן - ווייל צו לעבן איז געשמאק! אזוי, וועט איר לעבן א לעבן פון ענדלאזע שמחה.

דערפאר האט דוד המלך דוקא צאמגעשטעלט דעם מזמור ספעציעל צום באנייאונג פון דעם בית המקדש. וַתְּאַזְּרֵנִי שִׂמְחָה - באשעפער, דו האסט מיר ארומגעגארטלט מיט פרייד, ווייל דו האסט מיר אלעס געגעבן. און אויב אזוי, באשעפער, וועל איך ווידמען אלעס וואס איך פארמאג פאר איין ציל - צו איינזאמלען מאטריאל און בויען דעם בית המקדש; דאס איז אלעס לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד - כדי אונזער נשמה זאל זינגען צו דיר. און נישט נאר אינעם בית המקדש: וְלֹא יִדֹּם - מיר וועלן קיינמאל נישט אויפהערן צו זינגען פאר דיר מיט דאנק. הַשֵּׁם אֱלֹקַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ - באשעפער, מיין באשעפער, אויף אייביג וועלן מיר דיר דאנקען.

דאס איז אונזער געוואלדיגער תפקיד אויף די וועלט - דערפאר זענען מיר באשאפן געווארן. מיר זענען דא צו רעדן פון באשעפער און אים דאנקען!

דאס איז די שבועה וואס דוד המלך האט געמאכט בשם פון דאס אידישע פאלק, צו באצאלן די חובות פון קרבנות תודה און צוליב דעם טוען אידישע קינדער איבער די גאנצע ווידמען זייער לעבן צו ערפילן דוד'ס נדר דורך אויספירן די לערע פון דעם בית המקדש און דאנקען דעם באשעפער אייביג און שטענדיג.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאלה:**

**פארוואס האט עמלק אטאקירט דאס אידישע פאלק, ווען זיי האבן געוואוסט אז דער באשעפער האט נארוואס באוויזן וואונדערליכע ניסים פאר זיי?**

**תשובה:**

צוערשט דארפן מיר פארשטיין ווער עמלק איז געווען. עמלק איז אין אמת'ן נישט געווען אזא שלעכטער פאלק ווי מיר מיינען. די קינדער פון יתרו האבן געוואוינט אינאיינעם מיט די עמלקים. מיר זעען אין די תורה אז ווען שאול איז געקומען מלחמה האלטן קעגן עמלק, האט ער געדארפט שיקן א שליח צו די בני קיני זיי צו ווארענען זיך אפצוטיילן פון עמלק, ווייל ער גייט יעצט גיין אין מלחמה קעגן זיי. די בני קיני, די קינדער פון יתרו, וואלטן נישט געלעבט מיט די עמלקים אויב וואלט זיי געווען אזוי שלעכט.

נאר דער ענטפער איז: עמלק איז געווען א ברודער פון די אידן, ער איז געווען אן אייניקל פון עשו, און קיינער איז נישט אזא פיינט ווי א שלעכטער ברודער.

אזוי זעען מיר שטענדיג, די ערגסטע פיינט וואס מיר פארמאגן זענען אידן וואס פארקריכן און פירן זיך שלעכט. ווער זענען געווען די וועלכע האבן געקעמפט אז די נאציס זאלן ווערן אנערקענט דורך דער אמעריקאנער הויפט געריכט (סופרים קארט) אלס א געזעצליכע ארגאניזאציע? די אידן! די ACLU, די אמעריקאנער קרימינאלער ליבערטי יוניאן, זיי האבן באקומען פופציג טויזנט דאלער פון א איד מיט'ן נאמען 'נעיער' פאר דעם צוועק. און די יוניייטעד היברו פעדערעישאן פון לאס אנזשעלעס, די 'אידישע שטיצע פעדעראציע', האט געגעבן זייער ערשטע יערליכע אויסצייכענונג צו נעיער פאר זיין ספעציעלער ארבעט וואס ער האט אויסגעפירט פאר דאס אידישע פאלק

דורכאויס די היסטאריע זענען אונזערע ערגסטע פיינט געווען אידן. איר דארפט דאס וויסן. ביי דער קאמוניסטישער אויפשטייג, ווען די באלשעוויקן האבן איבערגענומען די מאכט אין רוסלאנד, האבן די ערליכע אידן אממערסטנס געליטן פון די אידישע קאמוניסטן. זיי זענען געווען די וועלכע האבן פארשיקט דעם ראש ישיבה און גדול בתורה הגאון רבי דוד ראפאפורט, דער צמח דוד, צום טויט. זיי האבן אים פארשיקט צו א קאנצענטראציע לאגער וואו ער האט נישט דורכגעלעבט. אזוי האבן זיי פארשיקט נאך פיל גרויסע צדיקים און גדולים צום טויט. זיי זענען געווען די ערגסטע. ליאן טראצקי ימח שמו וזכרו, א אידישער קאמוניסט, איז געווען איינע פון די גרעסטע פיינט פון דאס אידישע פאלק.

דערפאר דארפן מיר געדענקען אז עמלק איז געווען א ברודער פון דאס אידישע פאלק, וואס צוליב דעם האט ער זיי פיינט געהאט מער ווי סיי ווער. אלע פעלקער האבן געהערט די ניסים, שמעו עמים ירגזון - די פעלקער האבן געהערט און געציטערט. אבער עמלק איז געווען א ברודער און דערפאר האט ער זיך אנגעגארטלט מיט געוואגטער עזות צו אטאקירן דאס אידישע פאלק. ער האט געוואלט ווייזן - "ס'איז גארנישט." ער האט געוואלט צייגן פאר די פעלקער, "זייט נישט אזוי אנטציקט פון די מענטשן; זיי זענען פרומאקס. מיר קענען זיי. מיין זיידע האט געהאט צוטון מיט זייער זיידע יעקב. ער איז געווען א שווינדלער. ער איז געווען א רמאי."

דערפאר זענען זיי ארויסגעגאנגען מלחמה האלטן קעגן אונזער פאלק אין די צייט וואס אנדערע האבן זיך נישט געוואגט. ווייל א ברודער וואס פירט זיך נישט גוט איז דער ערגסטער פיינט.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער
ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן**
**חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**